„RADOMER-KIELCER LEBEN“ 6 (196) „Należy(tość) pocztową uiszczono ryczałtem“ פינפטער יאָהרגאַנג פרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

הײַנט 10 זייטן.


אדרעס
פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען“

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען פרײַז:
איין מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
" " " אין " 40 "
" " " נאָכ'ן " 18 "
די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאַלטן 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

ראַדאָם פרייטאג יט' שבט תרפ"ח. ◆◆ פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטליך ◆◆ 10 go lutego 1928 r.



צו דער פערלאָבונג פון מיין אייניקעל
שלמה קלײַמאַן מיט פרל' ניאַטאַ ענגעלמאַן
ווינש איך זיי אַ בליהענדע צוקונפט
און עוויגע צופרידענהייט.
חנה רעכט
קיעלץ.

Niuta Engielmanówna
Warszawa
Salomon Klajman
Kielce
ZARĘCZENI
w lutym 1928 r.

צו דער פערלאָבונג פון מיין אייניקעל
שלמה קלײַמאַן מיט פרל' ניאַטאַ ענגעלמאַן
אויס וואַרשאַ
ווינש איך זיי עוויגעס גליק און צופרידענהייט.
מלכה קלײַמאַן
קיעלץ.

אַ הערצליכען מזל-טוב
דעם ה' משה קאַשטאַן
צו דער חתונה פון זיין טאָכטער
מיט ה' טענענבוים אויס קיעלץ.
יעקב באַליצקי
קיעלץ.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ברודער
און שוואָגער
יונה עהרענרײַך מיט פרל' בלימה שוויאַטלאַ
ווינשען מיר זיי אייביגעס גליק און צופרידענהייט.
מאיר זלאַטאַ
און פרוי.
קיעלץ.

Z intencji zaręczyn
p. Salomona Klajmana
z p. Niutą Engielmanówną z Warszawy
najserdeczniejsze życzenia Rodzicom
oraz Narzeczeństwu — składają
Rawiccy Kielce.

צו דער חתונה פון אונזער קוזינקע
סאַליע טאַשמיאַנקאַ
מיט ה' אַרנאָלד ליכטענשטײַן
ווינשט אַ גליקליך צוזאַמענלעבען
און אַ בליהענדע צוקונפט.
ראַדאָם. אברהם טענענבוים און פרוי.

Z intencji zaślubin
p. Arnolda Lichtensztejna
z p. Salomeą Taśmianką
najserdeczniejsze życzenia
składa
Dawid Fryszman
KIELCE

אַ הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר
אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליד ה. מ. גאַלינסקי
צו דער חתונה פון זיין טאָכטער
שרה רבקה מיט ה' משה ביגעמאַוויטש.
די פערוואַלטונג פון יודישען שניידער-
מײַסטער-פעראײַן אין קעלץ.

## Teatr „ROZMAITOŚCI“ w Radomiu.

Tylko 2 gościnne występy artystów warszawskich teatrów
**Qui-Pro-Quo, Nowości, Karuzela, Czerwony As i Wodewil**
TEATR WIELKIEJ REWJI
na czele zespołu:
J. Madziarówna, J. Sendecki, T. Aleks[illegible]wski
Łoskot, Maliszewska, Belski, Ćwilówna, Rapa[illegible] i in.
BALET 12 osób Mikicińska, Baranowska, Niczke, Redżko, Bońkowska, Trębska, Maliszewska, Ćwilówna, Turówna, Marowna i in.
**odegrana będzie**

| **W środę 15 b. m.** | **W czwartek 16 b. m.** |
|---|---|
| JAZZ-BAND i NÓŻKI | ŻONA SIĘ NIE DOWIE |
| wielka rewja w 2 akt. 18 obraz. | wielka rewja w 2 akt. 18 obraz. |

Pocz. 8-30 w. — Bilety w cenie od 1.70 do 7.20 wcześniej do nabycia w firmie Juljan Miecznikowski Lubelska 13 tel. 125.

דערמיט ווערט בעקאַנט געמאַכט דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג
אין קיעלץ און אין אומגעגענד, אז די
## באַנק אודזיאַלאָווע, — קיעלץ, — באַדזענטינער 4.
האָט אָנגעהויבען איהר טעטיגקײַט דעם 1-טען סטיציען 1928 יאָהר.
ס'ווערען אָנגענומען מיטגלידער פון אַלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג.
די באַנק גיט ארויס הלוואות, דיסקאָנטירט וועקסלען, נעמט אהן וועקסלען,
פאָלגענדיגס אינקאַסעס אויף קיעלץ און אַלע אנדערע שטעדט אין לאנד,
די אינקאַסעס ווערען אויסגעצאָהלט דעם זעלבען טאָג ווען זיי גיין אײַן.
אַלעס פיהרען מיר א דורך ביליג און רעיעל.
פאַר דער בעקוועמליכקײַט פון די קליענטען
איז די באַנק אויך טעטיג אין די אָווענד שעה'ען.

ביי ארטעריע-פערקאַלקונג פון די
געהירען און הארץ ווערט בעסער דורך
טעגליכען געברויך איין קליינע דאָזע
נאַטירליך „פראַנץ-יאָזעף“ ביטער וואסער
דער אויסגאַנג איז אָהן אנשטרענגונגען.
געשעצטע קליניק - לעהרער האָבען
זעלבסט ביי האלב געלעמטע קראנקע מיט
דעם פראַנץ Franciszka Józefa וואַסער
מיט דעם בעסטען ערפאָלג פון
דאָרט ריינינקייס געהיילט.

## KINO „ODEON“ w RADOMIU.

**Największy triumf polskiej kinematogr.**
MogiłA NieznanegO ŻołnierzA
Dramat wielkiej miłości na tle nieśmiertelnej epopei walk o Polskę Niepodległą wg. znakomitej powieści ANDRZEJA STRUGA
Realizacja: Ryszard Ordyński. W rolach głów.: Gorczyńska Pancewicz Justian Grabowski Malicka Leszczyński Walter Marr i inni.
Od poniedziałku 13/II — Ceny normalne — Kupony ulgowe ważne.

## PODZIĘKOWANIE.

Serdecznie dziękujemy Sz. P. Doktorowi STABHOLCOWI za troskliwą opiekę i zupełne wyleczenie syna naszego z niebezpiecznej choroby.

*Benjamin Lew i żona.*
**Kielce.**

פערזו.-מיטגלידער ה״ה: אדלער איתמר ד״ר לעוי, הירשענהארן ה., שײנפעלד ש. א., בירענבוים פ., בארענשטײן יחיאל, פרויען: טײטעלבוים ת. און גאלדפײן פ.

* * *

## פון „פועלי אגודת ישראל״

פאריגע וואך איז געעפענט געווארען די ביבליאטעק, וועלכע בעזיצט א גרויסען אריסוואהל פון יודישע, פוילישע און העברעאישע ביכער.

לעצטענס מערקט זיך אין די רייהען פון „פועלי אגודת ישראל״ א יוגענד-בעוועגונג אנגעפיהרט דורך א געוועהלטע קאמיסיע פון 9 פערזאן. פ. א. י. האט אנגעהויבען א ענערגישע קולטורעלע טעטיגקייט. אלעמערשטען איז געשאפען געווארען א לעקטארען-קרייז, וועלכע האט די אויפגאבע אויסצובילדען די יוגענדליכע חברים דורך רעפעראטען, וועגען דער יודישער געשיכטע און פערשידענע וויכטיגע עפארמען אין יודישען לעבען.

דער ערשטער רעפעראט קומט פאר מוצש״ק תרומה (18/II) אין אייגענעם לאקאל פון מאגיסטער מ. רייכמאן א. ד. ט. „די תנאים און אמוראים״.

■■■■■■

## פון האנדווערקער-קלוב.
### (צו דער אויפמערקזאמקייט פון די מיטגלידער).

ווי מיר זענען אינפארמירט, פערנאכלעסיגען פיל מיטגלידער, טראץ אונזערע ווארנונגען, דאס ענטפערען די אסעקוראציע-געזעלשאפטען. ווי בכלל דאס פערנאכלעסיגען אלע אנדערע אמטליכע אויפפאדערונגען צו די טערמינען און אין רעזולטאט האבען מיר זיך איבערצייגט, אז די מיטגלידער האבען בעדייטענדע שאדענס און פרעטענזיעס צו די פערוואלטונג, וועלכע קאן בשום אופן נישט זיין פעראנטווארטליך פאר דער אפגעלאזענקייט פון די מיטגלידער. צענדליגער מיטגלידער האבען שוין בעצאהלט 20 — 30 זלאטעס אלס קארעס, וועלכע זענען איינקאסירט געווארען דורך די עקזעקוטארען פון מאגיסטראט. די מיטגלידער צאלען פיל פאך מעהר ניר דערפאר, וואס זיי פולען נישט אויס צו דער צייט און ריכטיג די געפאדערטע פארמולארען און דאס איז אלעס צו זייער שאדען.

ביים אויספולען די פארמולארען צו די אסעקוראציע-געזעלשאפטען זענען איננבעדינגט נויטיג די קויטען פון דער קראנקען-קאסע. מיר בעווייזען א אפשיצלען ענטפער פון די אסעקוראציע-געזעלשאפט, וועלכע בעשטעטיגט, אז זיי קאנטראלירען אין די קראנקע-קאסע די צאל ארבייטער, און נעמען אן פאר יעדען האלבען יאהר מינימום 150 טעג, אין דער צייט וואס די פערזאנען טראגען אויס העכסטענס 60 — 70 טעג ביי א גרויסע צאל פאכען. דעסגלייכען ווער עס בעקומט וועלכען עס איז פארמוליאר צי פון סטאטיסטישען אמט פון Urząd Statystyczny פון ווארשע, צי פון קעלצער וואיעוואדזשטווע דארף אונבעדינג צום טערמין אויספולען, ווארום די אלע אמטען האבען דאס רעכט צו בעשטראפען ביז 500 גילדען.

כדי צו בעפעסטיגען דאס אויבענדערמאנטע גיבען מיר אויף אייניגע נעמען פון מיטגלידער, וועלכע זענען בעשטראפט געווארען: ב. האכמאן, א. קעסעל, י. בלייוואס און פיל אנדערע.

די האנדווערקער, וועלכע האבען פאטענטען פון 8 - 7 קטג. און פיהלען זיך בעוועלה׳ט מיט דעם אומזאץ-שטייער מיט די צו גרויסע זאליטשקעס אויף יאהר 1927 קאנען אליין אויפגעבען „זעזנאניעס״ וועגען אומזאץ פאר׳ן פערגאנגענעם יאהר, וועלכע קאנען דינען אלס גרונד צום אפשאצען דורכ׳ן שטייער-אמט דער הויך פון אומזאץ. מיר ראטען דאס צו טוהן. די אונטערנעמונגען פון די 1 – 2 קטג. האנדלאחע, וועלכע זענען ליקווידירט געווארען אין פערגאנגענעם יאהר דארפען אויך אנגעבען זעזנאניעס.




ס׳איז נישטא אזעלכע זייף ווי „Jeleń Schicht“

ביי יעדע וועש איבערצייג איך זיך וועגען דעם. די זייף Jeleń-Schicht ווערט אויסגעארבייט פון די בעסטע רוי-מאטעריאלען, איז לאגאדנע און ארויסגיביג. איך בענוץ איהר אפילו צו די דעליקאטסטע וועש און נעזעב און קאן איהר מיט א ריינעם געוויסען עמפפעהלען אלע בעלי-בית׳טעס.

בענוצט אלזא, געעהרטע פרויען בעל-הבית׳טעס, אין אייגענעם אינטערעס נאר

Mydło Jeleń Schicht

Przedstawiciel Firmy „SATURNIA“ P. GOLDFARB w Radomiu, ul. Piłsudskiego 10, tel. 483.


# צו אלע ציוניסטן אין פוילן!

פון קרן-קימת-צענטראלע אין ווארשא האבען מיר דערהאלטן פאלגענדען בריף:

ברודער ציוניסטען!

אויף דער ציוניסטישער גאס האט זיך שוין מיט דער גאנצער קראפט צושלאקערט דער וואהל-קאמף און דער דאזיגער קאמף ציהט אריין אלץ מעהר און מעהר כחות, וועלכע זענען אקטיוו אויף פערשידענע געביעטען אין אונזער געזעלשאפטליכען לעבען.

נישט וועלענדיג מיט דעם דאזיגען אויפרוף אריינגרייפען אין דעם פאליטישען קאמף און נישט פאדערענדיג פון קיינעם אנצושוואכען אין דער מינדעסטער מאס זיין אקטיוויטעט אין דער וואהל-אקציע בעזונען מיר אבער פאר אונזער חוב אנצווייזען, אז מיר ציוניסטען טארען אויף קיין איין מינוט און אפילו אין דעם סאמע ברענענדיגסטען מאמענט פון דעם וואהל-קאמף נישט פערגעסען אין אונזער קודש-הקדשים, אין דער קרוין פון אלע אונזערע דערגרייכונגען — אין ארץ-ישראל.

אלע ציוניסטישע פיהרער, עסקנים און מורש ס. ערפיהלענדיג זייער פליכט בעת דער וואהל-קאמפאניע, מוזען גלייך פארטזעצען די הייליגע ארבייט לטובת אונזער ליידענדען פאטערלאנד. דורך די טאג טעגליכע זאמעל-ארבייט לטובת דעם „קרן היכוד״ און „קרן הקימת״ אין נישט דערלאזען, אז אין דער היציגער וואהל-סטיכיע זאל דערשטיקט ווערען די מאנענרע שטים פון ארץ-ישראל, זאל פערדונקעלט ווערען איהר שטראלענדע — ליידענדע געשטאלט, זאל אויסגעמעקט ווערען אונזער גרויסער ציוניסטישער פליכט.

(המשך זייט 9)

# קעלצער אבטיילונג.

## דער ביודזשעט פון דער יודישער קהלה איז קעלץ פון יאהר 1927.

### הכנסות:

| | זלאָטעס |
|---|---|
| פון שחיטה־אָבצאָהל — — — — — — — — — — — — — | 106.000 |
| „ עסאָט — — — — — — — — — — — — — | 79.500 |
| „ בית־עולם — — — — — — — — — — — — — | 1.000 |
| „ קאַנצעליי־אָבצאָהלונג — — — — — — — — — — — — | 500 |
| ס״ה זל. | 187.000 |

### הוצאות:

**פענסיעס פון ראבינאַט:**

(הרב ראפאפארט, דוס״ץ הארבערג און דומ״ץ גרינשפאַן) — 20.352

**שוחטים־פענסיעס:**

(6 שוחטים: ח. גאָטפריד, י. אָדלער, ש. באָרנשטיין, י. גאָלדראָס, ב. גערשט און א כארמאַן) — — — 35.184

**נאמנים־פענסיעס:**

(6 נאמנים: נ. לעווי, א. צוקערמאַן, ד. באָרנשטיין, י. מאָרטקאָוויץ, נ. מיסקין און מ. איידעלס) — — — 12.480

**פענסיעס פאַר די שחיטה־קאָנטראָלערען:**

(2 קאָנטראָלערען: ה. וועקסלער און ב. קאָרנגאָלד) — — — 2.160

**עמעריטען־פענסיעס:**

(די רבצין ירושלימסקי) — — — — — 2.640

**חזנים־פענסיעס:**

(2 חזנים: י. ווינער. מ. פרידמאַן און שוהל־כאָר) — — — 4.030

**די פענסיעס פאַר די ביורא־בעאַמטע:**

(סעקרעטאַר ב. כאָקאָלאָווסקי, א. צוקערמאַן, אליי ווינריב, ה. זיעלאָני, סעקווטעסטראַטאָר א. סאַבאָטאָ, 2 וואָזשנעס און מאַשעניכס) — 19.740

**די פענסיע פאַר׳ן משמש פון ראבינאַט:**

(1 משמש יונה דזשיאַדעק) — — — — — 720

**שחיטה־הוצאות:**

(דירה־געלד פון 2 עופות שחט־הייזער, רייניגען, סטרוזש, הייצונג און בעלויכטונג. דרוקעס און שרייב־מאַטעריאַל, אינקאַסענט, השגחה צו בעקעמפען די שמוגעל־שחיטה, פאַר בלאָמבירען די גענז. שפאַגאַט און פלאָמבעס, די פענסיע פון בלאָמבירער, רעמאָנט און פערשידענע אויסגאַבען) — — — — — 8.450

**ביורא־הוצאות:**

(דירה־געלד, הייצונג און בעלויכטונג, שטאָדטישע טעלעפאָן, טע־לעפאָן־געשפרעכען מיט אַנדערע שטעדט, אויפרופען. דרוקעס און שרייב־מאַטעריאַל און ווירטשאַפטליכע אויסגאַבען) — — 3.892

**עפענטליכע אויפזיכט:**

(קמחא־דפסחא, בעקעסטיגען די אידישע זעלנער ראש השנה, יום כפור און סוכות, שטיצעס פאַר אָרימע. קוילען פאַר אָרטיגע אָרימע, שטיצעס פאַר אָרימע דורכרייזענדע. בעקעסטיגען מיט כשר עסען די יודישע אַרעסטירטע אין פסח, שטיצעס פאַר עטליכע רביצינ׳ס א. אז. וו.) — — — — — 19.350

**שפיטאָל־וועזען:**

(פאַר אַ כשר׳ע קיך אין יודישען שפיטאָל, די פענסיע פאַר די ווירטען א. אז. וו. — — — — — 5.400

**סובסידיעס:**

| | |
|---|---|
| 1) „בית־יתומים" — — — — — — | 1.500 |
| 2) יודישע ביבליאָטעק — — — — — | 300 |
| 3) חדר „יסודי תורה" — — — — — | 2.000 |
| 4) „תלמוד תורה" — — — — — — | 2.000 |
| 5) ישיבה „תורת חסד" — — — — — | 1.600 |
| 6) האנדווערקער־שולע — — — — — — | 1.000 |
| 7) מזרחי־שולע „יבנה" — — — — — | 1.800 |
| 8) אָוענד־קורסען „קבוץ" — — — — — | 150 |
| 9) מזרחי סעמינאַריום „תהכמוני" אין ווארשא — — | 350 |
| 10) די „מתיבתא" אין לובלין — — — — | 350 |
| 11) יודישע מענער־גימנאזיום אין קעלץ — — — | 5.000 |
| 12) צו גרינדען א האנדווערקער פאַך־שולע — — — | 1.000 |
| 13) אָוענד־קורסען ביים יודישען האנדווערקער־פעראיין — | 300 |
| 14) ישיבה „בית יוסף" — — — — — — | 400 |
| 15) „קרן קימת" — — — — — — | 300 |
| 16) קרן היסוד" — — — — — — | 500 |
| 17) „לינת הצדק" — — — — — — | 1.000 |
| 18) „תומכי עניים" — — — — — | 500 |
| 19) רמב״ן (ר׳ מאיר בעל הנס אין ארץ ישראל) — — | 200 |
| 20) אָרימע קימפעטאָרענס — — — — — | 200 |
| 21) יודישע צענטראַלע ביבליאָטעק אין ווארשא. — — | 100 |
| 22) עירוב — — — — — — — | 200 |
| 23) מלוכה׳שע לופט־פערטיידיגונג — — — — | 200 |
| 24) העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים — — | 300 |
| 25) „תרבות" אין ווארשא — — — — — | 300 |
| 26) „אאוקסיליום אַקאַדעמיקום יודאַיאיקום" — — — | 300 |
| 27) גמלת חסד־קאסע (אָדער רעטונג־קאָסיסעט) — — | 1.500 |
| 28) נעזעלשאַפט „מרפא" אין אָטוואָצק (צו בעקעמפען סנכאָטען) — | 120 |
| די סובסידיעס בעטרעפען ס״ה — — | 23.470 |

**פערשידענע אויסגאַבען:**

(שטייער אין קראנקען־קאסע, פראָצענט פון די וועקסלען און נישט פאָראויסגעזעהענע אויסגאַבען, מאַגיסטראַט און אנ. שטייערן א. אז. וו.) — 10.000

**לאָקאַל־אויסגאַבען:**

(רעמאָנט און קויפען אַ נייעם טעלעפאָן־אפאַראַט — — 775

**פערשידענע הוצאות:**

| | |
|---|---|
| 1) בעאמטען־הוצאות ביים מאכען די רשימות פון די יודישע איינוואוינער — — — — — — | 1000 |
| 2) אַלטע חובות אין פרעמדע שפיטעלער — — — | 500 |
| 3) א פלאַץ אויף אַ עופות־שחט־הויז — — — | 9.000 |
| 4) 10% עסאָט־רעדוקציע — — — — — | 7.857 |
| די אַלגעמיינע הוצאות בעטרעפען אויך זלאָטעס | 187.000 |

**בעמערקונג:**

דער ביודזשעט, די הכנסות און די הוצאות ווערען גערעכענט פון 1 יאָהר ביז דעם צווייטען, ד. ה. פון 1 יאנואַר 1927 ביז׳ן 1 יאַנואַר 1928. דער ביודזשעט־פראָיעקט אויפ׳ן יאָהר 1928 איז נאָך פאָרלויפיג דורך דער קהלה־פערוואַלטונג נישט בעטראַכט געוואָרען.

# שטיצט די זאמעל־וואך לטובת אָרימע יודישע קימפּעטאָרינס!

## ראדאָמער כראָניק.

### פּינ'ם רבנות־פּראָצעס אין העכס־טען אדמיניסטראַטיווען טריבונאל.

דינסטאָג, היינטיגע וואָך, איז פאר'ן העכסטען אדמיניסטראַטיווען טריבונאל בעטראַכט געוואָרען דער פּראָצעס פון דער גמינע מיט ה' קעסטענבערג וועגען בעשטימען דורך דער וואָיעוואָדס־טוואָ אין קעלץ דעם ה' קעסטענבערג אלס מורה הוראה. מצד דער גמינע זענען ארויסגעטרעטען די אדוואָקאַטען פּאכחאלסקי און פּאָזנאַנסקי, און מצד ה' קעסטענבערג אדוו. כמורסקי.

דער ענדגילטיגער אורטייל פון פּראָצעס וועט פּערעפּענטליכט ווערען דעם 16־ען מערץ ה. י.

---

### קאָנטראָל־רעוויזיע אין דער גמינע.

עהרנעכטען, מיטוואָך, זענען דריי בע־אמטע פון דער וואָיעוואָדסטוואָ אין קעלץ געקומען אין לאָקאל פון דער היגער יודישער גמינע בכדי דורכצופיה־רען א קאָנטראָל־רעוויזיע אין די גמי־נע־ביכער.

---

### פון קימפּעטארען־פעראיין.

אויף א פערזאַמלונג פאַריגען שבת אין „עזרה" איז בעשלאָסען געוואָרען צו עפענען א ספּעציעלען אַנשטאלט פאַר אָרימע קימפּעטאָרענס. צו דעם צוועק איז אַנגענומען געוואָרען אונ־

טערצונעמען א זאמעל־אקציע, וועלכע זאָל ערמעגליכען צו רעאליזירען די דאָזיגע ערהאבענע אויפגאַבע. אין צו־זאמענהאנג דערמיט איז איינגעאָרדענט געוואָרען א זאַמעל־וואָך, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען מיטוואָך דעם 8־ען ה. י. עס איז דעריבער וועהר וואונ־שענסווערטה, אַז די יודישע געזעל־שאפט זאָל זיך וואַרים בעציהען און אויפנעהמען די זאמלער בסבר פּנים יפות, בעשטייערענדיג זיך יעדער לויט זיינע מעגליכקייטען מיט נדבות פאר דער נייער סימפּאטישער און באמת נוצליכער אינסטיטוציע.

---

### גרויסע רעווי־פאָרשטעלונגען אין ראַדאָם.

קומענדיגען מיטוואָך און דאָנערשטאָג וועלען אין טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" געגעבען ווערען צוויי רעווי־פאָרשטע־לונגען. אין ביידע אויפטריטען וועלען זיך בעטייליגען די גלענצענדסטע כחות פון די קינסטלערישע רעווי־טעאַטערס אין וואַרשא ווי: „פּערסקע אָקאָ", „נאָ־וואָשטשי", „קארוזעלא", „יאַדעוויל" און „רויטע טאָן". לויט דעם פּאָראויסגעזע־הענעם רעפּערטואר און די פּאָפּולערע נעמען פון דעם ארטיסטען־צוזאמענשטעל פערדיענען די פאָרשטעלונגען אויף א צאָהלרייכען בעזוך מצד דעם טעאַ־טער־פּובליקום אין ראַדאָם.

---

### צוגעשיקטער קאָמוניקאַט.

#### פון „בית יעקב"

#### ביי „פּועלי אגודת ישראל".

די פאָרשטעלונג פון די קינדער פון „בית יעקב" שולע „יהודית" האָט זיך גלענצענד איינגעגעבען, דאָס פאָרשטע־לען פון די קינדער האָט געמאכט א גרוי־סען רושם אויף די אנוועזענדע פרויען. בעזונדערס האָבען זיך אויסגעצייכענט די קינדער: פליכטענטריי (ראָל: אלי־פורני), סינעס (ראָל: עוזיהו), זאלצבערג (ראָל: מתתיהו), זשוראוו (ראָל: יהודית). אויך די רעקלאַמאַציעס האָבען געמאכט א רושם. בעזונדערס די לידער „מיין ציאה (קאָפּער) און אונזער בית יעקב וועג" (קאַרמאַן). אממייסטענס האָט אויס געצומען דער דיאַלאָג צווישען מוטער (פּערקאל) און מאכמער (ווינער) וועגען היטען שבת. די קינדער זענען בע־שאָנקען געוואָרען מיט רייכענדע אויצ־יעס און באָמבאָניערקעס.

---

איך ענטשולדיג זיך פאר מיינע חברים, וואָס איך בין אריין אין ראַט פון בירגער באנק אין ראדאָם. איך ציה צוריק מיין מאַנדאַט און זאָג זיך אָב אלס מיטגליד פון די זעלבע באנק.

י. פעלדמאַן.

---


**KINO „C O R S O" w RADOMIU.**

ANONS! od poniedziałku ANONS!

# Romans Kapłanki Wschodu

## (Grobowiec Maharadży)

MONUMENTALNE DZIEŁO SZTUKI FILMOWEJ

według rozgłośnej powieści JOSE GEMAIN

„La Vestaln du Gange"

w 12 akt. **w rolach głównych:**

*Bernard GOETZKE, Regina THOMAS,*

*George MELCHIOR, Gamille BERT*

Superfilm produkcji francuskiej odznaczony na konkursie i zakwalifikowany przez komisję artystyczną do wyświetlenia w operze francuskiej.


---

### ד א נ ק ז א ג ו נ ג.

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען דאנק דער לעהרערין פרל' שטאָקמאַן פאר אייגארד־נען דער פאָרשטעלונג פון די שילערינס פון „בית יעקב" שולע „יהודית" ווי אויך די פריילנס: שיועסטער שיינפעלד, פינעס, ווייגנאַרט, אדלערפליגעל, ווייסמאַן פאר זייער אַקטיווער מיטהילף.

**פרויען־קאָמיטעט פאר „בית־יעקב"־שולע ביי „פּועלי אגודת־ישראל" אין ראדום**

---


### אכטונג וועש נייערינס!

צי וואס זאָלט איהר אייך אויסברענגען צייט און מיה דורך שלייפען לעכלעך אויף די האַנד, ווען איהר קענט אייך דאָס אלעס איינברענגען דורך שלייפען מאשינאָווע־לעכלעך ביי מיר שיינע גוטע און ביליג.

מיט אכטונג **ישראל מאיר פרידלאנד**

**ראַדאָם וואַעל № 3**

קומט און איבערצייגט אייך!


---


*Lekarz-Dentysta*

**R. BANKIER**

RADOM,

SKARYSZEWSKA 15.

vis a vis parku Kościuszki

**PRZYJMUJE OD 9–1 i OD 3–7.**


---


PRZY PODAGRZE REUMATYZMIE | ISCHIASIE GRYPIE | NERWOBOLACH, BÓLACH GŁOWY i ZAZIĘBIENIACH

OKAZAŁY SIĘ TABLETKI TOGAL ŚRODKIEM ZBAWIENNYM.

SPRÓBUJCIE. A PRZEKONACIE SIĘ.




DO NABYCIA WE WSZYSTKICH APTEKACH

TOGAL ROZPUSZCZA KWAS MOCZOWY

GERHARD F. SCHMIDT

WYTWÓRNIA PREPARATÓW FARMACEUTYCZNYCH

ZURICH. MONACHJUM. BERLIN. WIEDEŃ. BUDAPESZT

TORONTO (KANADA). GDAŃSK.


---

## ברוכה את בצאתך!

**זעהר געעהרטע חברה פרוי פ. וואגא!**

דער פעראיין פון אונטערשטיצען יודישע יולדות עניות אין ראדאָם, פאר וועלכע איהר האָט צעהנדליגע יאָהרען, מיט אלע כחות און מיט גאנץ גרויסען ערפאָלג אזוי פערדיענסטפול געארבייט און אזוי פיעל אויפגעטהון, האַלט עס פאר זיין גרויסען מאָראלישען חוב אייך עפענטליך אויסצודריקען א זעהר טיפען הערצליכען דאנק פאר אייער פרוכטבאַרע לאַנגיעהריגע טעטיגקייט בגופך ובממונך.

צו דעם דאָזיגען האַרציגען דאנק פעראייניגט זיך די פערוואַלטונג פון דעם פעראיין און שיקט אייך היערמיט א אָבשיערס־ברכה פון אונזער עלטער־עלטער באָבע: ישלם ה' פעלך ותהי משכרתך שלמה מאת ה' צבאות!

זאָל גאָט אייך פיהרען אויפ'ן דרך אמת און איהר זאָלט אין אייער נייער היים געפונען צוזאַמען מיט אייער ווערטען מאַן און וו' פאמיליע די מנוחה און נחלה און דעם חן און דאנקבאַרקייט און הויכאכטונג, וועלכע איהר האָט ביי אונז אזוי עהרליך פערדיענט. צאתך לשלום!

**די פערוואַלטונג פון פעראיין**

**פון די יודישע יולדות עניות אין ראַדאָם.**

ראדום, חמשה עשר בשבט תרפ"ח.

---


**Felczer H. G R I N S Z T A J N Zgodna 1, tel. 303.**



Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20.